Sh. Niger

Elements of Sholem-Aleykhem-Type Humor Before Sholem Aleykhem

Pinkes fun Amopteyl fun Yivo (New York) 1 (1927) 1-12.
Reprinted in Niger's Sholem-Aleykhem (New York, 1928). Abridged.


# פנקס

פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר

ליטעראַטורגעשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע.

באַנד 1. (יולי־דעצעמבער, 1927) העפט 2—1.



ש. ניגער:


## עלעמענטן פון שלום־עליכם־הומאָר פאַר שלום עליכמן.

(מאַטעריאַלן פאַר א סטודיע)

שלום עליכמס הומאָר האָט פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור א באַזונדער אָרט, אין רעכטן אויבנאָן, — דערמיט, וואָס ער איז א ריינער, א פרייער, א שפּילעוודיקער, א שטיפערישער הומאָר. שלום עליכם איז גאָרנישט ניט אויסן געווען מיט זיין לאַכן. ער האָט געלאַכט, ווייל „לאַכן איז געזונט; דאָקטוירים הייסן לאַכן". דאָס איז אין אזא „ערנסטער", זיך ניט שפּילנדיקער, ליטעראַטור, ווי די יידישע, געווען כמעט אן איבער־קערעניש. און דאָס איז שלום עליכמס גרעסטער אויפטו. אָבער קיין אויפטו שפּרינגט ניט אַרויס פון העלער הויט. עס איז דאָ אן ערב־שבת ביי יעדן שבת, און עס מוז זיין אויך אן ע ר ב שלום עליכם.

עס מוזן זיך ערגעץ־וואו געפינען יענע שמאָלע, שוואַכע רינעלאַך, וועלכע האָבן געטראָגן זייערע לעבעדיקע, שמייכלדיקע וואַסערלעך אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך אויפגעזאַמלט דער ברייטער, ליכטיקער, זוניקער שטראָם פון שלום עליכמס געלעכטער.

פון אויבנאויף דוכט זיך, אז פאַר שלום עליכמס ג ע ל ע כ ט ע ר (הומאָר) איז אין דער יידישער ליטעראַטור געווען נאָר דאָס ג ע ל ע כ ט ע ר ל (די סאַטירע) פון די השכלה־שרייבער. עס דוכט זיך, אז וויפיל אונזער געניאַלער שטיפער זאָל נישט האָבן געלערנט ביי דעם „זיידן" ר' מענדעלע, ביי לינעצקין און ביי אנדערע פריעדיקע שרייבער, האָט ער נישט געקאָנט זיך אויסלערנען ביי זיי די גרויסע, — צו גלייך אי קלוגע, אי קינדישע — קונסט פון ה ו מ אָ ר. אָבער צי איז עס טאַקע אַזוי? צי איז עס אמת, אז די פריערדיקע יידישע מעשה־ביכלעך זיינען אַלע געווען טאַקע פול נאָר מיט מוסר אָדער השכלה? האָט זיך ערגעץ־וואו דאָרט נישט פאַרגנבעט א שטיפעריש בלעטל? זיינען די אַלטע מחברים געווען אַלע אַזעלכע „ערנסטע" מענטשן מיט כמורנע פּנימער, פאַרקנייטשטע שטערנס און איינגע־בויגענע רוקנס? פעלט אין זייער משפּחה גאָר אינגאַנצן דער מין קונדס?

ניין, ער איז פאַראַן און מען דאַרף אים אויפזוכן.

אָבער דער מיין פון די דאָזיקע נאָטיצן איז ניט צו אַנאַליזירן און ניט אויסצורעכענען אַלע לאַכעדיקע, שפּילעוודיקע שטעלן, וואָס זיינען דאָ אין דער פאַרשלום־עליכמשער יידישער ליטעראַטור. איך בין אויסן נאָר צו ברענגען עטלעכע ביישפּילן און צו מאַכן אן אָנהייב פון דער אַרבעט, וואָס איר ציל איז די אויספאָרשונג פון דער געשיכטע אדער דער פאַרגעשיכטע פון
דעם שלום־עליכם־הומאָר און זײַנע פֿאַרשײדענע עלעמענטן אין דער שאַפֿונג פֿון
דעם ייִדישן עולם.

דעם אָנהייב האָט אייגנטלעך געמאַכט שלום עליכם אַליין. ער דערציילט אונז אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אין „פונם יאריד", אַז נאָך אין די קינדערשע יאָרן האָט ער געהערט זיין פאָטער פירלייענען עפּעס א יידישן מעשה־ביכל, פון וועלכן דער עולם האָט זיך „געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער"... ~~„וואָס דאָס איז געווען פאַר א ביכל, — שרייבט ער~~ דאָרטן, — קאָן זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אַז ס'איז געווען **א** ביכעלע א קליינטשיקס, א דארינקס, מיט געלע, פאַרסמאַלצעוועטע, צעפאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלאָך. אָן טאָוועלאָך און אפילו אָן א פאָדערבלעטל. שבת צו־נאַכטס, אַלע בעלי־בתים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי רב נחום וועוויקס אויף „מלוה מלכה". די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיטן „וואַלכישן באָרשטש", און דער עולם האַלט זיך אונטער דערוויל. רב נחום לייענט א מעשה ביכל. דער טאַטע לייענט און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פאַפּיראָסן און מע קאַטשעט זיך, מע האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער. און מען אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאָרלעזער און מע דריקט אויס די גרויסע התפעלות הויך אויף א קול, און עס שיטן זיך קללות אויפן בעל מחברם אדרעם: „אָט א ימח־שמוניק! א כל־בוניק! א ממזר! א רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אריין!... אפילו דער פאָרלעזער אַליין קאָן זיך ניט איינהאַלטן, ווערט שיר דערשטיקט פאַר געלעכטער! די קינדער ווילן ניט גיין שלאָפן און שלום אודאי ניט. פאַרשטיין וואָס דער טאַטע לייענט — פאַרשטייט ער ניט, נאָר ס'איז אים גלאַט געפעלן צו זען, ווי יידן מיט בערד קאַטשן זיך, האַלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אויס אַלעמאָל מיט א געלעכטער. און ער זיצט פון דער־וויטנס און קוקט אין אַלעמענס פנימער, ווי זיי שיינען. און ער איז מקנא יענעם יידן, וואָס האָט געמאַכט אָט דאָס ביכעלע, און זיין טיפסטער וואונש איז אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואַקסן און ווערן א גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזא מין ביכעלע וואָס יידן וועלן דאָס לייענען און לאַכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין „טאַטנס טאַטן אריין"... ~~(זז. 66—67) אין דער ש"ע פאָלקספאָנד אויסגאַבע, ניו יאָרק, 1923~~).

וואָס איז דאָס געווען פאַר א פריילעך ביכעלע אַזא, — דאָס האָט שלום עליכם, ווען ער האָט געשריבן דעם ~~ציטירטן~~ צווייטן קאַפּיטל „פונם יאריד", „נישט געקאָנט זיך דערמאָנען". אָבער שפּעטער, אין יאָר 1915, האָט ער אין ניו יאָרק אויסגעפונען, ווי י. ד. בערקאָוויטש דער־ציילט אין „שלום־עליכם־בוך" (ז. 314, אין אַן אָנמערקונג) — אַן עקזעמפּלאַר פון יענעם מעשה־ביכל, „און עס באַהאַלטן ביי זיך אין ארכיוו".

ווען מען באַקענט זיך מיט אָט דעם מעשה־ביכל, זעט מען, אַז דאָס איז, אין דער קורצער פאָרמולירונג פון י. ד. בערקאָוויטש, „א באַשרייבונג פון קליינשטעטלדיקע בעל עגלהס, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין א „טראָסט" צו קעמפן קעגן דער אייזנבאַן, געשריבן אין א פרימי־טיוון פאָלקסטימלעכן אידיש, אויסגעמישט מיט פאָלקס־ווערטלעך און הלצהס". אויפן שער־בלאַט פון ביכל שטייט „דער צווייטער אייזין באַנד (אייזנבאַן) פון זאַרביניין קיין יורקאַין פון חיים יאָסילים, סטאָליר מסאַקילען, די ערשטע טייל . . . זיטאָמיר, 1874". אָט „די ערשטע טייל" פונם ביכל האָט זיך אויפגעהיט אין שלום עליכמס ארכיוו. אין מיין אייגענער ביבליאָטעק געפינט זיך אי דער ערשטער, אי דער צווייטער טייל פונם „אייזין באַנד". דער צווייטער טייל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט צוויי יאָר שפּעטער נאָך דעם ערשטן. (זשיטאָמיר, 1876).

ווען שלום עליכם זאָל האָבן געהערט זיין פאָטער לייענען אפילו נאָר דעם ערשטן טייל, גלייך ווי ער איז אַרויס פון דרוק, אין יאָר 1874, איז ער שוין אויך געווען דאַן א בחורל פון א יאָר פופצן (און ער איז שוין, אגב געווען דאַן ווידער אין פּערעיאַסלאַוו, ניט אין וואַראַנ־קאַ, ווי ער אַליין שרייבט, על פי טעות, אין „פונם יאריד"), האָט ער שוין געקאָנט אויפנעמען „ליטעראַרישע" איינדרוקן. ווער דערפאַר דער, וואָס זוכט די ווערק, וועלכע האָבן געוועקט אין דעם שפּעטערדיקן שלום עליכמן דעם חשק און דעם מוט צו הומאָר, מוזן זיך פריער ווי אַלץ, פאַראינטערעסירן מיט דעם „צווייטן אייזין באַנד".

קיין אמתער הומאָריסט (אינם קינסטלערישן זינען פונם וואָרט) איז חיים יאָ־סילים, דער פאַרפאַסער פון „אייזין באַנד", ניט געווען. אָבער עס איז אין אים און אין זיין אידיש און אין זיינע מעשיות פאַראַן עפּעס פון יענער ליבע צו שפּילן זיך מיט ווערטער

און פֿון יענער טבֿע צו טרײַבן קאַטאַוועס וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש, דוכט זיך מיר, פֿאַר עטלעכע פֿאָלקס-ייִדן.

(See Bk II, chap. 53 "Tsvishn khazonim un klezmorim" [Among Cantors and Musicians])

וואָלינער פאָלקס־מענטשן האָט שלום ראַבינאָוויטש, פאַרשטייט זיך, געקענט גענוג (ער איז דאָך אַליין אַ וואָלינער), און זייערע הכמהס האָט ער נישט געדאַרפט גיין לערנען ביי דעם „סטאָליער מסאַקילען", אָבער ביי אים האָט ער צום ערשטן מאָל געזען, אַז מען קאָן די אַלע ווערטלעך, גלייכווערטלעך און המצאהס נוצן אין שרייבן, נישט נאָר מינדלעך.

ער האָט געזען ביי אים, אַז מען קאָן מאַכן פאַר „העלדן" פון אַ מעשה־ביכל אידן מיט אַזעלכע טשיקאַווע („שלום־עליכמדיקע"!) נעמען, ווי פּלטיאל זלאַדיווקער, אהרן לעמיל האָצי־דראַלעווקער, שמעון פייטל גראָביאַניווקער, אשר גימפּל שמאָריוואָז. און אויב ער האָט געלייענט אָדער געהערט לייענען אויך דעם צווייטן טייל פון חיים יאָסילס חיבור, האָט ער גלייך אויפן ערשטן בלעטל געקאָנט דאָרט געפינען צווישן „די נעמען פון דער חברה" אַזאַ אוצר פון „שלום עליכמדיקע" אייגננעמען, ווי אַשטייגער, ר' אייזיק קריוואַראַטשקע, ר' יצחק פּיפּיק, ר' לעמיל שוואָלאַנטשיק, ר' עיקב (יעקב ?) טשאַרניסראַקיווקער, ר' שמערל טראַסקיוויצער א. ד. ג.

אָבער די נעמען זיינען ניט דער איינציקער שלום־עליכם־עלעמענט אין דעם „צווייטן אייזן באַנד". עס זיינען דאָרט פאַראַן אויך אַנדערע וואָרט־שפּילערייען. שוין גלייך אויפן ערשטן בלעטל געפינען מיר אַזאַ מין שפּילעוודיקן שמועס:

„פּלטיאל: . . . איר זאָלט וועלן, וואָלטן מיר יע געקאָנט מאַכן...
שלום יודל: וואָס מאַכן? אַ כוסה?
פּלטיאל: איך מיין טאַקע מיר זאָלן שטעלן...
שלום יודל: וואָס ווילט איר שטעלן? ליכט אין די הענגלייכטערס?
פּלטיאל: גלויבט מיר, מיר וואָלטן טאַקע געקאָנט האָבן...
שלום יודל: וואָס וואָלטן מיר געקאָנט האָבן? יאַהרציוט?" *

דער זעלביגער שלום יודל האָט ליב צו זאָגן ווערטלעך אין דעם גוסט פון טביה דעם מילכיקן. צום ביישפּיל: „אַ גוי זאָגט אַ ווערטל: כל ערב לגירהו (למינהו) — ניט מיט מיר דאַרפט איר טרייבן קאַטאָוועס".

אַ שטיקל ע ר ב ־שלום עליכם איז דער נוסח פון בריוו אָדער ריכטיקער פון פּאַראָדיעס אויף בריוו, וואָס געפינט זיך אי אין ערשטן אי אין צווייטן טייל פון דעם „צווייטן אייזן באַנד". אין די בריוו איז יידיש געמישט מיט פאַרגרייזטן העברעאיש, און די העברעאישע ווערטער ווערן עם־האַרציש אויסגעלייגט אויף אידיש. ~~אָט איז דער אָנהויב פון אַ בריוו, וואָס גע־פינט זיך אין ערשטן טייל~~:

„לידידי הרבני הר"ר שמעון פייטיל גראָביאַניווקער וידידי ר' יעקב ראובן דראַליניווקער, וידידי ר' מרדכי זינדעל סקיפּיאַליוועך וידידי ר' שלום יאָסיל האָליפּאַזיווקער וידידי ר' אלי גינפּילאָוויטש, וידידי ר' שמואל זיוויל זיניקיווער.

ראשית זויט וויסן אז מיר זיינען באָריח אַשעם בקאַב הבריום קו ויטאַן אַשעם יסבאָריות לירעום פּנים על פּנים בבערעוו אימום אמן.

שיינים טוידו. אין צווייטינס זאָלט איר וויסן, קאַ אַשער ראינו עס צאָראָסינו! אזוי ווי מיר האָבן גיזען אונזערי צרות, ווייעס אָראָה אַשער נכּבּד אליגו, און דאָס שלעכן וואָס איז גיקומען אויף אונז, אל וידוי אמיתי־לאת אַבאַרזעל! אַשער נאָסע! איבער דעם אייזן באַנד וואָס מע האָט געמאַכט. איבא אוויר זוס אַפּאַרנאַכח דייביקה לנו. אין איבער דעם איז אונז דיא פּרנסה זייער גישלאָגען מאַבמאַס שערוב תוכרים איינאַם רוצים ליגתוע אימנו. וואָרום פיל סוחרים ווילין שוין מיט אונז ניט פאָרין. אי לויאית אַמאָ מובראָכים אַנאַכנו לישין מעווען ומספּוא ליותותיינו. און דערווייל די פערד מוזן מיר דאָך געבן עסן איביפּראַט לייזיגאָתיינו אים באָניינו און אונזערי ווייבער מיט די קינדער מוז מען דאָך אַוודאַי גיבען עסין: ואַזמאַן קאָצאַר, און די צייט איז ניט גיט; לאָחאן אַל תעכשי באַדאָוואַר, ע"כ זאָלט איר ניט שווייגען דרינען: מאָרי אי בואו ליוביייסכם, איר זאָלט קומין אַחיים: וויהיע אקול אַל נאָחון, אז איר וועט קומען אַחיים וועט אַלעס זיין רעכט: מאַבמעס שע דאָמינו אייצע טויווע אל אמיקתילאה הבאַרזעל, וואָרום מיר האָבען באַקלערט איין עצה פון דעם באַנדס וויגין: ניתקשה אנחנו קאַאשער שאָמאַני קיין ראינו. מיר וועלען טאַקע בלייבן טרה... און דער באַנד וועט טאַקע בלייבן אַ באַנד: איכפּאַל באַקאַשטי ליומאָן אַשעם טויקיף לאָווא בימויארח. איך בייט אייך נאָך אמאל איר זאָלט גיך קומען אחיים: בגולי שום מידוין קי נאָבוין מייעוד, וואָרים מיר דאַרפען אייך גיניטיגט." און אז. וו.

OMIT

**ש. ניגער**

**אין דעם דאָזיקן ע ר ב־שלום עליכמדיקן בריוול געפינען מיר, אגב, אזא מין פסוק פון טביה דעם מילכיקן, ווי: „והזמן קצר — און די צייט אז ניט גוט"...**

**אין דעם צווייטן טייל „אייזין באַנד" איז דאָ א בריוול:**

„ליהווד! אטיטי הראפּני רעב ראל והרעב שוטיף אהרן לעמיל תיחיו אט מייא ויעסרים שאָנים:

מיהטאוחעם כאָבאלטי ביום עסמול וסאָמאָכטי סימכע גיידולה אַד מאוד. אין אַזוי וויא איהר שרייט מיר שעאָווא טאכיף לאירייחעם אים אָכעשבאן אַל קיין טיידעו שע איינע יאָחול מאכמאס טירדי אַזמאַן; אי מאכמאס שנייא תיבוס: עכאָד מאכמאס די גניאדע שקאַפּע האָט אַן גיהייבען צו הינקען אויף אַ פּיס, האַב איך געהאט צו טאָן מיט איר אַ טאָג אַכט ביז זיא איז גיזונד גיוואָרין, נאָר איידער זיא איז גיזונד גיוואָרין האָט זיך דער טאַטי אַנידער גיליגט און איז טאַקי גישטאָרבען. עס איז אַ דאַנקען גאָט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער צוא אַבי דיא שקאפּע איז חאטש גיזונד גיוואָרען: אל קיין מאַכט אַכוסי און זייט פריילעך אום אירצע אַשעם זונטאָג וועל איך קומען און וועל אַייך נאָך ברייננגען אמאַטאָנע טייווע. איינע אַ הילצערנע שיסיל בישוויל זיגאָסכעם אַ איכאָרע צום צוואָגען"...

**פאר דעם „הומאָר" פון דעם פּאָרפאַסער פון „צווייטן אייזין באַנד" איז כאַראַקטעריס־טיש די פאָלגענדע שטעלע פונם צווייטן טייל:**

„ . . . פלטיאל: קומט ר' אהרן לעמיל, קומט אַריין אין קאַנטאר און לאָמיר טאַקע אקוק טאָן צום קאַנטאַרל, וואָס איר האָט פאַרשלאָסן.

זיי גייען אריין אין קאַנטאָר; עס איז גוט פינסטער אין קאַנטאר. זיי גייען גלייך צום טישל. אהרן לעמיל טוט א טאפּ דעם שיפלאָד, ער איז אָפן.

אהרן לעמיל: גוואלד, גוואלד מע האָט באגנב'עט דעם קאַנטאָר!

אלי זייוויל מיט ווייב: שאַט, וואָס שרייט איר אזוי? וואָס איז פאר א געשריי? ווער גייט דען צו אייער שיפלאָד?

אהרן לעמיל: יאָ, ביי אייך איז דאָס א שיפלאָד. איר ווייסט דאָך אז ביי אונז איז דאָס דער גאנצער קאַנטאר.

אלי זייוויל: זאָגט מיר שוין, וואס האָט מען ביי אייך אוועקגעגנב'עט פון אייער קאַנטאר.

אהרן לעמיל: וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך ווייס עפּעס אין דער פינסטער? דאָס שלעסל זע איך שוין, אז עס גייט אָפּ. היינט, לאָז מען נאָר אָנצינדן א ליכט, וועט מען שוין זען; ווער ווייס, אפשר האָט מען אוועקגעגנב'עט דעם בוך, אָדער ביליעטן?

פלטיאל האָט געשווינד אָנגעצונדן א ליכט און מען זוכט אין שיפליאָד, זיי זוכן אלי שטיקלעך פּאפּיר, עס פעלט זיי גארניט.

אהרן לעמיל: שאַט גאָר, ציילט נאָר איבער די ביליעטן.

פלטאיל (ציילט איבער די ביליעטן, עס גייט אָפּ א ביליעט): אהא, אַהא! מען האָט שוין אָנגעהויבן צו גנב'ענען ביליעטן; נישט קשה, איר זאָלט וויסן ר' אלי זייוויל, עס איז אויף אייער קאָפּ. איר וועט אונז מוזן באַצאָלן צוויי רו"כ פאַר דעם ביליעט.

אלי זייוויל: שאַט, שרייט ניט, איך קאָן אייך אַפּגעבן א שטיקל פּאפּיר.

אהרן לעמיל: יא, איר מיינט איין אמת, איין שטיקל פּאפּיר. מיר איז דער עיקר דאָס שרייבן. עס קומט מיר אָן מיטן טויט איידער איך שרייב אָפּ אַ ביליעט. עפּעס א קלייניקייט, מע דאַרף שרייבן אפשר דריי שורות!

אלי זייוויל: עס איז אייך ניט פון די גוואלדן, איך וועל אייך אליין אָפּשרייבן אפילו צוויי ביליעטן צו פיר שורות.

אהרן לעמיל: איך וועל אייך זאָגן, צי איר מיינט אין אמת עס איז הפקר א וועלט? איר מאַכט זיך א געלעכטער? צוויי ביליעטן אָפּשרייבן; וואו איז אָבער דאָס געלט? בארעכנט אַליין, איר ווייסט דאָך, אז מע האָט שוין דעם ביליעט, קאָן זיך שוין ראָלן* אפילו אָן פערד; און חוץ דעם, וואו איז דאָס שלעסל פונם שיפליאָד?

יענטל די דינסט: שאַט נאָר, ר' אהרן לעמיל. איך וועל אַייך אויסזאָגן דעם אמת, נאָר איר זאָלט ניט זיין ברוגז.

אהרן לעמיל: אדרבה, הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, זאָגט מיר דעם אמת; פּארקערט לאָמיר וויסן.

יענטל: איך בעט אַייך איבער. איך האָב אליין אראפּגענומען דאָס שלעסל, איך האָב פארשלאָסן דעם מחילה... קיין מענטשן פון דער גאס זאָלן אהין ניט גיין, נאָר אז איך האָב געעפנט דעם שיפליאָד, האָב איך גענומען א ביליעט. איך האָב געמיינט, אז עס איז עפּעס אזוי איין שטיקל פּאפּיר..„

---

* פאָרן,

אהרן לעמיל: סטיטש, וואו האָט איר עס אהין געטאָן?
יענטל: איך האָב דאָס פאַרטאָן... עס איז טאַקע געבליבן דאָרט אין...
אהרן לעמיל (צו פלטיאל): ווי איז מיר, ווינד איז מיר, אויב זי האָט דעם בילעט אַוועקגעוואָרפן אין... קאָן דאָך דער... אוועקראָלן. נעמט א ליכט און לאָמיר גיין זוכן דעם בילעט. וואָס דען, עס איז גאַר הפקר? כ׳לעבן, מע מוז גאָר דינגען אַן אנדער קאַנטאָר. עס איז גאָר קיין תכלית: דאָס נעמט מען אונזער שלעסל צום... מחילה. דער שלעפט אַרויס א בילעט, אַז עס האָט ניט קיין ווייך פּאַפּיר,.. עס איז טאקע א גליק, וואָס מיר האָבן ניט קיין געלט אין קאַנטאָר, אַזוי ווי אין אַנדערע קאַנטאָרן,״ און אַז. וו.

ווי דער לעזער זעט, איז דער „הומאָר״ דאָ, ווי אין די איבעריקע טיילן פון ביכל, א גאַנץ ביליגער און א וואולגאַרער. פון דעם אמת׳ן, געלייטערטן, שלום-עליכם הומאָר איז עס ווייט ווי מזרח פון מערב. אָבער ניט דאָס איז וויכטיק אין דעם פאַל. וואָס איך בין אויסן גע־ווען מיט די ביישפּילן, איז — צוווייזן, אַז ביי דעם מחבר פון „צווייטן אייזין באַנד״ האָט שלום ראַבינאָוויטש, נאָך איידער ער האָט געטראַכט אפילו צו ווערן שלום עליכם, גערזען, אַז מען קאָן מיט דער פּען שטיפן און קונדייסעווען, ניט נאָר קנייטשן דעם שטערן און חקירהן זיך. און ניט אומזיסט האָט אים עפּעס א אינסטינקט אונטערגעזאָגט גראַד דאַמאָלס, ווען ער האָט געהערט זיין פאָטער לייענען אָט דעם מעשה־ביכל, אַז ווען „ער וועט אויסוואַקסן און ווערן א גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזא מין ביכעלע, וואָס אידן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאַכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, „אין טאַטנס טאַטן אַריין״...

דער מחבר פון דעם „צווייטן אייזין באַנד״ האָט שפּעטער אָפּגעדרוקט נאָך א הלצה־ביכל מיטן נאָמען „ברוך שפּטרני״, און עס איז א סברה, אַז אויך דאָס ביכל איז שלום עליכמן באַקאַנט געווען. דאָס שער־בלאַט פונם ביכל איז אַזאַ:

„ברוך שפטרני

דיא שרעקליכע נסיעה פון זארבינעיי קיין באַרישאוו, אומיטען (אינמיטן) א קליין שטעטיל קליין סדום. ס״ה 5 מייל — האָט געוועהרט די נסיעה אכט טעג רצוף.

---

דער, וואָס האָט געמאַכט דעם צווייטן אייזין באַנד, דער האָט דאָס ביכל אויך געשריבען מיט זיין האַנד, נאָר אַז איר ווילט וויסן, ווי אַזוי הייסט דער מחבר — ער הייסט ר׳ לייב דער שרייבער.

וואַרשא

ענה בדרך כחי קצר ימי לפ״ק. (1880)

ברוך שפּטרני״ האָט דעם זעלביקן מאָטיוו, וואָס „דער צווייטער אייזין באַנד״, אָבער עס איז געשריבן נאָך לעבעדיקער און פריילעכער, ווי יענעם ביכל.

„די נעמען פון די „חברה־לייט״, ווי עס שטייט אויפן ערשטן בלאַט, זיינען: ר׳ זיידל טראַסק, ר׳ שמואל פלאַסק, ר׳ יעקל קאָזשאַק, איצי פּאַק, ברוך דריידל, אהרן ווידל, שמאי האָז, בערל נאָז, בענדיט באַרימאַלע, איציק פּאַסאָליע, ברוך בערדעלע, יצחק פּערדעלע, יוסל הייער, בערל דרייער, שמאי טייוול, דוד זיידל, ייקל בעקער, אברהם לעקער, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

שוין די „נעמען פון די חברה־לייט״ אַליין ווייזן, אַז „דער מחבר ר׳ לייב דער שרייבער״ איז געווען א פריילעכער יונגערמאַנטשיק. אָבער נישט נאָר אין די נעמען אַליין ווייזט זיך אַרויס זיין שטיפערישקייט. דאָס גאַנצע ביכל איז פול מיט „שקצישע״ איינפאַלן. איך וועל דערמאָנען נאָך עטלעכע פון זיי. איינער פון די פּאַרשוינען, אהרן וואַרעניק, שרייבט צו זיין זון א בריוול אויף לשון קודש, וואו יעדעס וואָרט ווערט גלייך איבערגעזעצט אויף יידיש. ער טוט עס צוליב דעם, וואָס זיין פריינד איציק זאָגט צו אים: „אַז אָך און ווי איז דיר מיט דיין שרייבן. טאָמער קאָן ער ניט לייענען קיין לשון קודש?״ — „יע, ביזט אפשר גע־רעכט, ענטפערט אים אהרן וואַרעניק, נאָר וואָס דען? איך וועל אים שרייבן א וואָרט לשון קודש מיט דעם טייטש פון יעדן וואָרט, וועט ער זיך דערווייל אויסלערנען לייענען לשון קדוש און וועט טאַקע פּשוט וויסן א טייטשוואָרט״. און ער הויבט אָן דעם בריוו אַזוי: „לשמשי צוא מיין זון אַיאָכאָר דער טייערער ווי א געהמאָהד דער גלוסטיגער יאנקאָוו נ״י, עסמוֹל נעכטין כאַבאַלטי האָב איך מיכאַבייל געווען״ א. אַז. וו., א. אַז. וו.

אָדער אַזאַ מין געשפּרעך, וואָס קומט פאָר צווישן בערל נאָז, דעם בעל עגלה, און די סוחרים, זיינע פּאַסאַזשירן:

„די סוחרים (באַטראַכטן דאָס ביידל. עס איז פול מיט לעכער): וואָס איז דאָס עפּעס, ר׳ בעריל, אייער ביידל איז גאָר פול מיט לעכער?

בעריל: חס ושלום. די לעכער האָב איך אומיסטן געמאַכט. עס איז פון דער ניי אַן אַזוי געמאַכט געוואָרן.

די סוחרים (מיט א געלעכטער): וואָס הייסט? נאָך וואָס טויג די לעכער אין בויד?

בעריל: הע, הע. פאַרשטייט איר, די לעכער האָב איך אומיסטן געמאַכט, בכדי עס זאָל זיין וויגאָדנע די פּאַרשוינען. יעדער וויים זיך אין זיין פרנסה. וואָס זאָל מען טאָן. מיר מוזען גיין וועזשליווע מיט די פּאַרשוינען. פאַרשטייט איר, זומער אַז די היצן ברענען, מוז זיין די לעכער, עס זאָל אריין א לופט, עס זאָל זיין קיל פאר די פּאַרשוינען. און אז עס קומט ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, גייט דער פראָסט אַריין דורך איין לאָך און דורך דער אַנדערער גייט ער אַרויס. חוץ דעם מאַכט זיך אַמאָל, אז מען פאָרט ביינאַכט און עס פאָרן חסידים, פרומע יונגע לייט, און ווילן מחדש זיין די לבנה און איך האָב קיין צייט ניט זיך צו שטעלן, זיצן זיי אין בויד און דורך די לעכער זייענען זיי מחדש די לבנה. און אז עס קומט ר״ח אלול, אז עס פאָרן פרומע יונגע לייט און ווילן בלאָזן שופר, שטעקן זיי ארויס דעם שופר דורך די לעכער און בלאָזן. פאַרשטייט איר, מיינע ליבע (למען שמיכם) ווי אַזוי יעדער מענטש וויים זיך טאַקע אין זיין פרנסה.״

אַן אַנדער בעל עגלה, אהרן ווייידל, טוט אָפּ גאָר א מאָדנעם שפּיצל צוויי פון זיינע פּאַסאַזשירען, פאר וועלכע ער האָט שוין קיין פּלאַץ ניט געהאַט אין בויד און געמוזט אוועקזעצן ערגעץ פון הינטן. ער גיט זיי „צוהאַלטן״ (אויפן גאַנצן וועג!) אַן עמער מיט שמירעכץ... אָט ווי דער פּראָפעסער באַשרייבט עס:

OMIT

„... איציק: גיי זשע, אהרן, איך בעט דיך, באַוואָרן מיר די מאַזניצע. בינד זי גוט צו. וואָרום איך האָב ערשט געכומען אין איר פרישע סמאָלע

אהרן (נעמט די מאַזניצע און גייט גלייך צו די צוויי יונגע לייט וואָס זיצן פון אונטן): נאַט אייך, זייט מוחל, האַלט אוווילע די מאַזניצע.

די יונגע לייט: וואָס רעדט איר, מיר וועלן זיך נאָך אויסשמירן מיט סמאָלע.

אהרן: חס ושלום: נעמט זי אויף א רגע. איך וועל נאָר אויסזוכן א שטריקל, וועל איך זי צובינדן. וואָס דען, איך וועל אייך הייסן האַלטן אַ מאַזניצע א גאַנץ וועג? ניין, ניין, חס ושלום.

די יונגע לייט מיינען אין אמת. אז ער וועט זי באַלד צונעמען. זיי נעמען ביי אים די מאַזניצע און האַלטן זי אין די הענט.

אהרן (טוט אַ ווינק צו איציקן): הייד, הייד הלך!

איציק טוט אַ שמיים די פערד. זיי האָבן קוים גערירט פונם אָרט. „הלך!״ האָט אהרן א געשריי געטאָן און איז באַלד אריין אין שענק.

די יונגע לייט שרייען: „ר׳ איציק נעמט די מאַזניצע, מיר וועלן זיך נאָך אויסשמירן אין סמאָלע.״

איציק ענטפערט זיי: „האַלט, האַלט, איך וועל פאָרן פּאַמעלעך, וועט אייך ניט טרייסלען, און איר וועט טאַקע ניט אויסגיסן די סמאָלע.״

די יונגע לייט האָבן זיך אַזוי שוין טאַקע געמוזט האַלטן מיט דער מאַזניצע...״

אויף אַ באַזונדער בלאַט אין אָנהויב ביכל איז אויסגעשריבן, אַזוי צו זאָגן, דער מאַרשרוט פון זאַרבעניץ קיין באַרישאָוו, און ער לייענט זיך אַזוי:

1. זאַרבעניצער קאַנטאָר. פאָרן ארויספאָר — לחיים!
2. סמאָליאַנקע. דאָרט גיסט מען אָן די מאַזניצע און — אביסל טאַקע אין מויל — לחיים!
3. סאָטיניאַקע. לעבן דער בריק א גוטע שטיק פיש — לחיים!
4. סאמיראַק. א גוטע פּאָר קנישעס פּארבייסן — לחיים!
5. קליין סדום. א גרויסער וואָקזאַל. לאַקשן מיט יויך, אז עס איז צעזעצט געוואָרן דער בויך (מיט אַביסל פעפער — לחיים. אדניאָווקע (אַן אָפּרו) אויף אַ פּאָר טעג.
6. יאַנקיטשעווסקע. א פּאָלסטאַניק. א טרוקענער לחיים.
7. ווערטיעווקע. דאַרט זיצט די אלמנה. פשוט א מצוה — לחיים!
8. דענבאָווקע (א קליין וואַגזאַליכען). א שטיק פליש פאַרבייסן — לחיים.
9. רישקאָוו. א טרוקענער לחיים.
10. סינגער. א פּאָלסטאַניק. א פשוטער לחיים.

באַרישאָוו. דער גרויסער וואַקזאַל.

קטאַ קאַרטשמע מיניאָיע, טאָט טשאַסטיע ני מאַיע.״

אַזוינע שטיפעריַיען זיַינען דאָ אַ סך אין ביכל, און מען וואונדערט זיך ניט, ווען מען לייענט עס, פאַרוואָס זיַין פּראָפעסאָר האָט ביַי שלום־עליכמן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג בחורל, אַזוי אויסגענומען.

איַיניקע שטעלן אין „ברוך שפּטרני" דערמאָנען שפּראַכלעך און סטיליסטיש אָן שלום עליכמן. צום ביַישפּיל, די כאַראַקטעריזירונג פון בערל נאָז: „זייער אַ פיַין מענטשל, קורץ און גראָב, דאָס פּנים איז רויט ווי אַ צוויק. אַ נאָז, ווי אַ טראָמבע. אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווי די קעלבערנע איַיער. צוויי ציין ווי אַ וואָלפצאָן שטעקן אים אַרויס פון פאָרנט. צוויי הענטלעך ווי ביַי אַ בער די לאַפּעס. פון איין אויג רינט אַביסל. ביַידע אויערן פאַרשטעקט מיט וואַטע. אַ פּאָר צעקאָטשמעטע פּאות. אַ בערדעלע, ווי ביַי אַ צאַפּ. אַ קיַילעכדיקע היטל. אונטערן היטל אויפן קאָפּ, מחילה, אַ... די שטיוול נאָר־וואָס אויסגעשמירט מיט פרישן דאָיהט (דזשעגאַכץ?). אויף דער באָרד ליגט עטלעכע ברעקלעך קעז פון דעם קניש. אויף די פּאות אַביסל אָנגעשיט אַזוי ווי גריַיפּלעך..."

אַ חוץ דעם, איז דאָס ביכל פול מיט טביה דעם מילכיקנס פּסוקים:

„. . . באַדינגט זיך מיט מיר און גיט מיר אַ דערויף, איז עפר ואפר — איך שפּאָן שוין. אַבי איר זייט פאַרטיק, מידי תבקשנו — פאָר איך שוין."

„גלויבט מיר, אַז איך בין אַלט געווען פינעף יאָר, האָב איך שוין אויסגעריסן דעם רבין די באָרד עד פּרוטה אחת און האָב אים דוקא געלאָזט שטיין בגלוי עריות — דווקא אָן דער יאַרמולקע."

„אל תפל דבר כאשר שברתי — אַ מזיל איז ניט קיין כאַליווע".

„כאשר אבדתי אבדתי — געֶרעדט איז גערעדט."

„טפוי, אַזעלכע פאַרשוינען הללו כל צבאיו — הינט זאָלן מיט זיי האַנדלען, גיט איך, ר' יונה שלו (רבונו של עולם)..."

---

צי זיַינען באַקאַנט געווען שלום עליכמן אַלע דריַי ביכלעך פון ר' ליב דעם שריַיבער (חיים יאָסעלים) אָדער נאָר איינס אָדער צוויי פון זיי — ווייסן מיר ניט. עס איז אָבער קלאָר, אַז אַקוראַט ערב שלום־עליכמס באַוויַיזן זיך אין דער אידישער ליטעראַטור, האָבן אין דרום־רוסלאַנד צירקולירט מעשה־ביכלעך, וואָס זיַינען געווען פול מיט נעמען, ווערטלעך, המצאות, שפּילעריַיען, איַינפאַלן, שקצישע שטיק און כלערליי אַנדערע עלעמענטן, וועלכע זיַינען שפּעטער געוואָרן אָן אָרגאַנישער טייל פון שלום עליכמס הומאָריסטישן שאַפן. און עס איז אויך קלאָר, אַז דער פאַרפאַסער פון די דאָזיקע ביכלעך, חיים יאָסעלים, איז מיט זיַין שטייגער שריַיבן געווען באַקאַנט שלום עליכמן.

נאָר צי דען איז חיים יאָסעלים געווען דאָן דער איינציגער שריַיבער פון אָט דעם מין? זיַינען ניט געווען אויך אַנדערע, וואָס האָבן מקדים געווען אונזער גרויסן הומאָריסט מיט געוויסע עלעמענטן פון הומאָר?

עס זיַינען געווים געווען אַזעלכע, און צווישן זיי איז, פריער ווי אַלץ, ווערט דערמאָנט צו ווערן דער אַנאָנימער פאַרפאַסער פון אַ פריילעכן ביכל, אין צוויי טייל, וואָס איז אַרויס אין וואַרשע, 1881, אַלזאַ, אַרום יענער ציַיט, ווען שלום עליכם האָט זיך שוין געקליבן צו ווערן אַ שריַיבער (ער האָט שוין דאַן געווען פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין העברעאישע ציַיטונגען). דער נאָמען פון דעם ביכל איז: „הגדה פון יאקינא" („הובא לבית הדפוס ע"י ר' פייביל מאָלדאַווסקי מבארדיטשוב"). דער אַרויסגעבער האָט געוואָלט שאַפן דעם איַינדרוק ביַי דעם עולם, אַז עס איז אַ מוסר־ אָדער השכלה־ביכל, האָט ער געשריבן אויפן שער־בלאַט, אַז „דערפון קאָן זיך יעדער איין מוסר אַרויס נעמען, ווי מען זאָל זען אַלעם צו טוען קינדער צו לאָזען לערנען, מען זאָל ניכט אויף דער וועלט לעבן ווי אַ בהמה". אין דער אמתן אָבער איז עס ניט אַזוי מוסר, ווי פּשוטער חוזק און שטיפעריַי. עס ווערט דאָ אויפן לצנותדיקסטן אופן געוויזן די פאַרגרעבטקייט און עם הארצות פון די ישובניקעס. דער ישובניק איז פון תמיד אָן געווען אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַרן אידישן פאָלקס־וויץ, און א. מ. דיק האָט אַ גאַנצן ביכל אויף אָט דער טעמע מיטן נאָמען „דער ישובניק" (ווילנע, 1867) אָבער א .מ. דיק, ווי אויך זיַין הויפּט מקור, דער פאָלקס־וויץ, איז ניט געגאַנגען אַזוי וויַיט אין פּאַראָדיע, שקאָצעריַי און לצנות, ווי דער אַנאָנימער מחבר פון דער „הגדה פון יעקינא".

דער הויפּטהעלד פון דער „הגדה" איז יעקינא (יעקיניו), דעם ראַנדאַרס בן יחיד, אָבער עס ווערט דאָ געמאַכט חוכא וטלולא אויך פון די איבעריגע פּאַרשוינען: דעם ראַנדאַר, יעקיניוס טאַטע, חאַשע, זיין מאַמע, פּעסעלע, זיין שוועסטער, גבריאל, זיין פעטער, דעם מלמד, דעם אורח, דעם הויפקנעכט סטאַק, דער „מלכה" יעפּקא, דעם מילנער ראַספּער (דאָס זיינען די פּאַרשוינען פון דעם ערשטן טייל „הגדה". אין דעם צווייטן טייל זיינען דאָ אַנדערע פּאַרשוינען). און כדי דער לעזער זאָל האָבן אַ השגה פון דעם כאַראַקטער און דעם סטיל פון דעם דאָזיקן הלצה־ביכל, וועל איך ברענגען די ערשטע פּאָר זייטלעך, ווי זיי שטייען און גייען. איך וועל נאָר אויסשטעלן לייטישער דעם טעקסט, צוגעבן די נויטיקע אָפּשטעל־צייכנס און באַנוצן די היינטיקע אָרטאָגראַפיע. דאָס ביכל הייבט זיך אָן מיט דער באַשרייבונג פון דעם ראַנדאַרס הכנות צום סדר און עס איז ביזן סוף געשריבן אין דער פאָרם פון געשפּרעכן:

OMIT

רענדאַר (פרעגט): וואָס פאַר אַ שמונה עשרה דאַוונט מען היינט?

מלמד (זאָגט): סטייטש, יעלה ויבא, אונדזער יום טוב'דיגע שמונה עשרה, אתה בחרתנו.

רענדאַר: וואָס מאַכט מיך עפּעס דער ש... מלמד משוגע מיט אַן אתה בחרתנו? נאָר די שטאָט־לייט ליב די קלאָפּערלאַך, דען זיי האָבן ניט וואָס צו זאָרגן. אַ דאָרפסמאַן, נעבאַך, ער האָרעוועט, נעבאַך, שווער און ביטער, אים גיב אַ מאַמעליגע מיט ברינזע, אַ קניש מיט קרויש און אַ שמונה עשרה ווי אַ גוי (די) גרויס. די קליינע משוגענע סידור'לאַך, די פּיצונקעלאַך, זיינען ביי מיר גאָרניט ווערט. לאָז דער אתה בחרתנו קומען אויף אַנדערע הענט.

מלמד: נאַ, נאָ, לאָז זיין ווי דו זאָגסט: ווארגט אַייך מיט אים.

רענדאַר: פּעסעלע, בעט דאָס העסעבעט, איך זאָל ניט עובר מנחה זיין.

פּעסעלע: טאַטע, וויפיל איבערבעטן דאַרף מען צום העסעבעט?

רענדאַר (זאָגט): יעקינא, נאָ, זוך אַרויס דאָס לוסע (?) סידורל. איך דאַרף נאָכצוזוכן וויפיל איבערבעטן מען דאַרף. דאָס יאָר איז גרויס, פאַרגעסט מען, כ'לעבן.

יעקינא: טאַטע, מיט דעם לוסע סידורל איז די זויערע מילך צוגעדעקט. כ'לעבן, אַן עבירה. די קאַץ וועט דערווייילע דאָס טעפּל אויפהויבן; דו קאַנסט גוט די לאָסוכע.

רענדאַר (זאָגט): נו, איך וועל דיר, מיין קינד, אַן עצה געבן: גיי זוך אַרום די מהילה פון תשעה באב. אפשר וועט שוין דאָס יאָר משיח קומען, וועלען מיר שוין פאַרשפּאָרן יוצרות צו זאָגן? עס קער צו שטעקן אונטער דעם גראַגער לעבן דעם קוסט פּשענדעס. גיי און דעק צו די זויערע מילך מיט דער מהילה און ברענג אהער דאָס סידורל.

יעקינא: טאַטע, וואָס איז דער משיח — אויך אַ רענדאַר?

רענדאַר: פּיש! אויב ער איז אַ רענדאַר? אָבער נאָך פון די גרויסע רענדאַרעס, וואָס האַלטן גאַנצע דערפער מיט די מילכעדיגס. ער וועט קומען צו רייטן אויף אַ גרויסן קאַשטאַן און וועט טראַשקען מיט דעם ראַפּניק, ער וועט נאָר איין טראָמבע געבן מיט דעם שופר, וועלן אַלע רענדאַרס ווערן פּאַמעשציקעס און די פּריצים וועלן ביי זיי הויצן אין הרובע. וואָסער טראַגן און מיר וועלן ביי זיי אַלצדינג אָוועקנעמען.

יעקינא: טאַטע, איך האָב נאָך צייט איך לעב ניט געזען קיין שופר.

רענדאַר: מיין, זון, געדענקסט ניט? אויף די ראָשעשאַנקעס נעמט אַ איד אַ ביין אין פּיסק אַריין און טראָמפּעט.

יעקינא: טאַטע, אפשר אַזוי ווי אַ הויף פּאַסטוך האָט, וואָס ער טראָמפּעט צו וואָרמזעס צו אויפרופן די פּי.

רענדאַר (זאָגט): יאָ, יאָ, אָבער יענער איז פון איין צאַפּ.

יעקינא: טאַטע, כלעבן עס זאָל אמת זיין, אַז מיר וועלען זיך אַלעס צונעמען פון פּריצים, וווייסטו, וואָס איך וועל מיר נעמען?

רענדאַר: ווייס איך? אפשר די שאַראַוואַרעס און די גלעקלאַך פון די בליאַנא לאַשיקלאַך.

יעקינא: ניין טאַטע, די שאַראַוואַרעס וועט זיך דער משיח אַליין נעמען. איך האָב חשק צו האַנעשען דאָס עלטערע שוועסטערל צו נעמען פאַר אַ כלה.

רענדאַר: יאָ, אַז מען וועט אויף איר אַ שאלה פרעגען. פאַר וואָס דען ניט? מיר דאַכט זיך, אַז אויף איין פּריציש שיקסל דאַרף מען אפילו ניט קיין שאלה צו פרעגן, נאָר מען דאַרף זיך מתיר נדר צו זיין, איז שוין כשר. און עס איז אָבער קיין מיוחס ניט? היינטיגע צייטן קוקט מען ניט אויף קיין יחוס.

יעקינא: יאַ, יאָ, טאַטע, זאָג מיר צו. שווער מיר ביי דער באָרד און ביי דער מאַמען. כ'לעבן, טאַקע וועל איך מיר שוין (מער) ניט באַפּ... און וועל באַגערן צו לערנען.

רענדאַר (נעמט זיך אָן ביי דער באָרד מיט דער רעכטער האַנט און חאַפּט מיט דער אַנדער האַנד און שווערט): ווי עס איז אַ באָרד מן השמים מיר זאָלן זוכה זיין אונדזער איינציקן בן יחיד מיט האַנעשען צו פאַרקנסן. זאָג אמן.

## עלעמענטן פון שלום־עליכם־הומאָר פאַר שלום־עליכמן

פעסעלע (הערט פון ווייטנס און כאַפּט א טאַפּ און טראַסק אן דער ערד און שרייט): מזל טוב, מזל טוב! יאַקינא איז צו מזל א חתן געוואָרען מיט האַנעשען (און טרעפט אַ שטיק שאַרבן דער מאמען אין קאָפּ אריין).

חאשע (זאָגט): א שווארצן מאַרגן אויף אַייך מיט אַייערע תנאים שרייבן.

רענדאַר: נאַ, גיב מיר שוין פאָרט דאָס לוסע סידורל. די נאכט שטייט ניט (יעקינא גרייכט צום גראגער און שלעפּט ארויס אן אלטן צוריסענעם טלית (ווער וויס ווי לאנג דאָס ליגט דאָרט — און קומט אריין): טאַטע, דאָס איז די מהילה!

רענדאר: וואָס האַסטו מיר עפּעס געברענגט פאַר אַ שלימזל? ווער וויס ווער דאָס האַט אריינגעשטעלט? אודאי די כלב'טע די שכענערע, די טשערוואָניצע די קו די מילך אוועקצונעמען. כאַפּ אַן וואַרף עס אין פייער אַריין. און זאָג: אלעס בייז צו איר קאָפּ."

אין אַט דעם נוסח (און אָפּט נאָך מיט מער חוזק, פּאַראָדיע און קאַריקאַטור) איז געשריבן דאָס גאַנצע ביכל. זיין פּאַרפאַסער איז געוועזן קענטיג נישט קיין קלענערער קונדס, ווי דער ס ט אָ ל ע ר מ ס א ק י ל ע ן, דער מחבר פון „צווייטן אייזין באַנד" און „ברוך שפּטרני".

נאָר אויב זיי זיינען געוועזן מער קונדסים, ווי שרייבער, האָבן מיר אין דער עלטערער אידישער ליטעראַטור אמתע — און זייער וויכטיקע — שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך פאַרגונען אמאָל א שפּיל צו טאָן און א שטיף צו טאָן, און צו זיי געהערט נישט קיין קלענערער, ווי דער ז י י ד ע, מענדעלי מוכר ספרים אליין. מענדעלים הומאָר (אפילו אין „קצור מסעות בנימין השלישי", דעם הומאָריסטישסטן פון אלע זיינע ווערק) איז אַן איינגעהאַלטענער, א פאַרשטיקטער, א פאַרשלייערטער; מענדעלי האָט זיך נישט פאַרגונען די פרייקייט, די אָפנקייט און די „שקצישקייט" פון זיין שפּעטערדיקן אייניקל; אָבער מענדעלי איז דאָך געוועזן רייך אין הומאָר, ניט בלויז אין סאַטירע, און ער איז זיכער געוועזן א רבי שלום עליכמס נישט נאָר בנוגע צום סטיל, צו די טעמעס און א סך אַנדערע זאַכן, נאָר אויך אין שייכות צו קאַטאָוועס, פּאַראָדיע און וואָרט־שטיפעריי. אָבער דאָס איז א קאַפּיטל פאַר זיך, און איך וועל אים דאָ דורכלאָזן, בפרט אז איך האָב שוין אמאָל געמאַכט א שטיקל פּרוב (אמת, נאָר א פּרוב) פון א פאַרגלייך צווישן דעם „זיידן" און דעם „אייניקל" (זע „וועגן אידישע שרייבער" 1, ז. 94—97).

דאָ וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן דעם לעזער אויף אַנדערע עלטערע יידישע שרייבער, אחוץ מענדעלין, וועלכע האָבן אין דעם אָדער יענעם פּרט צוגעגרייט דעם באָדן, וואָס אויף אים האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן און צעבליט די ליכטיקע שאַפונג פון אונזער הומאָריסט.

איך וויל פריער דערמאָנען יענע שרייבער, וואָס מיר מעגן מאַכן א זיכערע השערה, אז שלום־עליכם, ווען ער איז געוועזן נאָך יונג, האָט זיי געלייענט. דאָס זיינען: דר. שלמה עטינגער, אייזיק מאיר דיק, יצחק יואל לינעצקי און משה אהרן שאַצקעס. זייערע ווערק (אָדער א טייל פון זיי) האָבן זיך געפונען, לויט דער מיטטיילונג פון י. ד. בערקאָוויטש (דאָס שלום־עליכם בוך, ז. 166), „אין דעם ספרים־אַלמער פון זיין שווער לאָיעוו", און מען דאַרף רעכענען, אז ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט. אגב, וועגן א. מ. דיקן האָט שלום־עליכם שפּעטער געשריבן און ער האָט זיך ווען אים זייער וואַרעם אָפּגערופן: „די נאָוועלן פון ה' דיק וועלכע ער האָט אָנגעשריבן (ווי מע זאָגט) מער אלס 200 שטיק, טראָגן אויף זיך עפּעס א מין צוויבערלעכקייט, אַ מין רייץ אז זיי לעזן זיך מיט פאַרגעניגן און זייער לייכט אפילו ביים וואָלינער לעזער, דאָס הייסט, ביי דעם ניט־ליטווישן לעזער." („דער אידישער דלות אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאָלקסשריפטשטעלער", ביילאַגע צום „יודישען פאָלקסבלאַט" נום. 40, 1888). וועגן יצחק יואל לינעצקין און ספּעציעל וועגן זיין „פּוילישן אינגל" האָט שלום־עליכם געשריבן אין דערזעלביקער סעריע אַרטיקלען אינם „יודישן פאָלקסבלאַט" (נום. 42, 1888) און אז ער האָט שטאַרק געהאַלטן אמאָל פון לינעצקין זעט מען פון א רעצענזיע, וואָס ער האָט פאַרפאַסט נאָך פריער, אין 1884, וועגן א ביכל פון מאַני דלוגאַטש (זע שלום־עליכם בוך, ז. 326), און „עס איז גאָר קיין ספק ניט, שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, אז יצחק יואל לינעצקי איינער פון די ערשטע קאַריפייען אין דער יידישער בעלעטריסטיק, האָט געהאַט א געוויסע ווירקונג אויף שלום־עליכמען אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע איבונגען." (דאָרט, ז. 179).

משה אהרן שאַצקעסן און זיין „אידישן פאַר פּסח" האָט ער אויך אָפּגעגעבן א באַזונדער קאַפּיטל אין דער דערמאָנטער סעריע („יודישעס פאָלקסבלאַט", נום. 44, 1888), און ער האָט אים, אזוי ווי לינעצקין, איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין זיין „אידישער פאָלקסביבליאָטעק".

שאצקעם איז געווען מער סאטיריקער ווי הומאָריסט, אָבער איינציקע טראָפּנס הומאָר
זיינען פאַראַן סיי אין זיינע העבראַישע, סיי אין זיינע יידישע ווערק. איר פילט עפּעס פון
שלום-עליכמען נישט נאָר אין דעם ברייטן, צעגאָסענעם פאָלקסדיאַלאָג (שאצקעם האָט אריינ-
געפירט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם ל י ט ו ו י ש ן פאָלקגעשפּרעך, אַזוי ווי ער
שטייט און גייט. דאָס, וואָס לינעצקי, און דערהויפּט שלום-עליכם האָבן געטאָן מיט דעם
ו ו אָ ל י נ ע ר פאָלקסטימלעכן שמועסן). עפּעס פון שלום-עליכמס שטייגער איז זיכער
דאָ אויך אין אַזעלכע בילדער פון „אידישן פאַר פסח", ווי: „דאָס ווייב שטייט ביין אויוון
שוואַרץ ווי די סאַזשע. דער שלייער אָן אַ זייט. די סמאַהע אויף די ליפּן, די נאָז בעט
זיך אויסשנייצן, נאָר עס איז ניטאָ קיין צייט, זי לייגט עס אָפּ צום סדר... קלה'ס ליגט ביי איר
אין זאַפּאַס אונטער די ליפּן און נאָר וואָס זיי שיטן זיך ניט אויס... דעם מאַן האָט זיך געוואָלט
אַביסל צו שמייכלען צו דער יפת תואר, מחמת ער האָט פאַרט געוואָלט מאַכן אַ שמועס מכח
קאַרטאָפל, און האָט געוווּסט, אַז ער שפּילט דאָ מיטן לעבן. דאַרום האָט ער גענומען אַביסל
וויין אין אַ כוס און איז צוגעגאַנגען צו דער פּרינצעסין מיט די ווערטער: „אַנו, פאַרזוך נאָר
אַביסל וויין, דאָס גאָלע זיסער..." — „טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! ס'איז מיר שוין, בה"ש, זים
אָן דעם וויין! א. אַז. וו. א. אַז. וו."

אַ שטילער, קילער הומאָר פאַרגנבעט זיך דאָ און דאָרטן אויך אין די שורות פון
שלמה עטינגער (אין „סערקעלע", אין די עפּיגראַמען און דערהויפּט אין די פאַבלען).

ביי לינעצקין זיינען די הומאָר-טראָפּנס פאַרביטערט, פאַרגאַלט, אָבער זיי זיינען דאָך
פאַראַן, און מיר דוכט, אַז לינעצקי האָט געווירקט ניט בלויז אויף „די ערשטע סאַטיריש-פּוב-
ליציסטישע איבונגען" פון שלום עליכם (ווי עס זאָגט י. ד. בערקאָוויטש). עס איז מעגליך,
אַז לינעצקי האָט איבערגעלאָזן שפּורן אויך אין געוויסע טיילן פון שלום עליכמס שפּעטערדיקן,
ריין הומאָריסטישן, שאַפן.

לינעצקי איז געווען צו פאַרביסן, צו פאַרביטערט צו קאָנען שרייבן ריין-הומאָריסטיש,
און מיט זיין אייביקער קריגערישקייט איז ער אין עצם געווען דער היפּוך פון שלום עליכמן,
אָבער דער לעצטער האָט דאָך געקאָנט געפינען אין זיין שפּראַך און אין זיין גאַנצן שטייגער
שרייבן אַ סך „שקצעריי", אַ סך פרייקייט און שפּילעוודיגקייט.
נעמט, אַשטייגער, „די ווייבאָרעס" פון י. י. לינעצקי (זשיטאָמיר, 1875). שלום עליכם
ברענגט גראָד די דאָזיקע זאַך פאַר אַ ביישפּיל אין זיין פריער דערמאָנטער רעצענזיע אויף
דלוגאַטשעס ביכל. לייענט דעם צעטל פון די פאַרשוינען: ר' שמעלקע באַשיינפערלעך,
פישקע מאָנקאַלעניק, חיים קערעבאַבעצע, משה בולבע, מיכל קעבעבע, איציע כרכשתא, שמערל
דראַל, שמחה קאָקאָריזע, טודרוס מעשטיינסגעזאָגט, זאוול וואַרעטענע, בערל מאַמעטליווע,
מענדל עכברוש, שמחה געפלאָכטענער, מיכאַל קוואַשע, קלמן פּזר, צדוק מהיכי תיתי, שפּרינצע
כאַפּלאַפּ א. ד. ג. אין דעם גייסט און גוסט פון די דאָזיגע „פרייליכע" נעמען איז געשריבן
(אין דראַמאַטישער פאָרם) די גאַנצע זאַך...

ביי לינעצקין האָט שלום עליכם דערהויפּט געקאָנט געפינען יענע נטיה צו איבערטר-
בונג, פּאַראָדיע און קאַריקאַטור, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר סאַטיריקער און הומאָ-
ריסטן. אַ שטייגער, לינעצקיס באַשרייבונג פון די זעקס כלי-זמר אין דער „שענער קאַפּעליע",
וואָס האָט געשפּילט אויף דער חתונה פון דעם פּוילישן אינגל: — „איינער מיט אַ פּויק פון
אַ ווייקשעפל מיט דריי העלצער. איינער מיט אַ פּאָר טאַצן פון צוויי געגלייזטע פּאָקרעשקעס.
דער דריטער מיט אַ פידל פון אַ רובל מיט אַ קאַטשעלקע. דער פערטער מיט אַ העלדזל פון
צעבראָכענער פלאַש פאַר אַ פלייט. דער פינפטער האָט געקלאַפּט דעם זעקסטן מיט די פינגער
אין פּלייצע אריין"...

אָבער נאָך מער — און נאָך עכטערן און ריינערן — הומאָר האָט שלום עליכם געקאָנט
געפינען און האָט מסתמא געפונען אין די ווערק פון אייזיק מאיר דיק.

א. מ. דיק איז בטבע געווען אַ הומאָריסט, ניט קיין סאַטיריקער, און אויב עס איז אין דער
עלטערער אידישער ליטעראַטור געווען איינער, וואָס האָט באמת ליב געהאַט צו שמייכלען,
צו לאַכן, צו פראַווען המצאות, און צו זאָגן וויצן פון די וויצן וועגן, נישט נאָר אָפּצולאַכן
— איז עס געווען דיק.

אַ לאַנגע צייט פאַר די ביכלעך מיט חכמהס פון מאָטקע חב"ד און שייקע פייפער האָט
ער שוין געדרוקט זאַמלונגען פון כלערליי וויצן, איינפאַלן און המצאות. עס איז גענוג צו

**דערמאָנען אַזעלכע ביכלעך זיינע, ווי „בליצענדע וויצן" (ווילנע, 1867) אדער „וויצן און שפּיצן" (ווילנע, 1873). אָבער נישט נאָר מיט אָט די וויצן האָט ער אויסגעטראָטן דעם וועג פֿאַר אַ מער פֿריילעכן און לייכטן סאָרט שרייבן. ער האָט שוין אין די פּופּציקער יאָרן פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען פֿול מיט הומאָר. צום ביישפּיל, „חייציקל אַליין" און „יעקעלע גאָלדשלעגער", און נאָך פֿריער האָט ער אויפֿגעשריבן אויף גמרא־לשון זיין וואונדערלעכע פּאַראָדיע מיטן נאָמען „מסכת עניות" (1848). אמת, ער האָט די דאָזיקע, ווי אַלע איבעריקע, ווערק זיינע באַזאַלצט מיט סאַטירע און פֿאַרפֿעפֿערט מיט אויפֿקלערונג, מיט מוסר; אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי צינז צו דעם גייסט פֿון דער השכלה־צייט. האָט דאָך שלום עליכם אַליין אין די ערשטע יאָרן געמוזט צאָלן אָט דעם השכלה־צינז; האָט ער דאָך אַליין נישט געוואַגט אין אָנהייב ארויסצוגיין אָפֿן מיט זיין פֿרייען און פֿריילעכן געלעכטער. איז וואָס דער וואונדער, וואָס דיק, וועלכער האָט געהערט צו אַ פֿריערדיקן דור, האָט נישט געקאָנט זיך פֿאַרגינען צו לאַכן זיין קלוגן און קינדישן געלעכטער אָן קיין שום כונות? אָבער פֿון אונטער דעם — איצט שוין אָפּגעקילטן — אַש פֿון משכילישע כונות פֿינקלען אַרויס פֿונקען פֿון — נאָך איצט לעבעדיקן — הומאָר. נאָר א. מ. דיקס הומאָר, ווי בכלל זיינע אויפֿטואונגען אין דער אידישער ליטעראַטור, מוזן אַרומגערעדט ווערן אויספֿירלעך, און איך וועל עס טאָן אין אַ באַזונדער אַרבעט.**

---

דאָ וויל איך נאָך זאָגן, אַז די ווערק פֿון די דערמאָנטע השכלה־שרייבער זיינען נישט די איינציקע ווערק, וואו שלום־עליכם האָט געקאָנט זאַמלען בלומענזאַפֿט פֿאַר זיין הומאָר. עפּעס פֿון אָט דעם שטילן און זיסן זאַפֿט איז געווען אין די דראַמעס און דערציילונגען פֿון ישראל אַקסענפֿעלד, אין דעם ריב"לס „הפקר־וועלט", אין די קלוגע, איידעלע, ביז איצט נאָך ניט אָפּגעשאַצטע יידישע ווערק (אין פּראָזע און אין פּערזן) פֿון אליעזר צבי הכהן צווייפֿל, אין די לידער פֿון וועלוול זבאַרזשער, מיכל גאָרדאָן און אברהם גאָלדפֿאַדען, אין א. ב. גאָטלאָבערס איבעראַרבעטונג פֿון יצחק ערטערס „גלגול" (אַ קאַפּיטל אין „הצופה לבית ישראל"*) — און דער, וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פֿון דעם הומאָר אין דער יידישער ליטעראַטור פֿאַר שלום־עליכמען, וועט ביי די אַלע שריפֿטשטעלער געפֿינען גענוג אַסך מאַטעריאַל.

ער וועט זיך אָבער נישט קאָנען באַנוגענען בלויז מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער ליטעראַטור. ער וועט מוזן גראָבן טיפֿער, און אַז ער וועט עס טאָן, וועט ער דערגיין ביז צו די אוצרות פֿון דער יידישער פֿאָלקסשאַפֿונג. דאָרט, אין די פֿאָלקסווערטלעך, וויצן און אַנעקדאָטן, אין די חדר־יינגלשע רעטענישן און המצאָהס, אין די פּורים־שפּילן און אין די פֿאַרשיידענע, מינדלעכע, פּאַראָדיעס ((אויף פּסוקים, מאמרים, מנהגים) — דאָרט ערשט וועט ער דערשפּירן דעם אמתן קוואַל פֿון שלום־עליכמס לעבעדיקן און לוסטיקן שרייב־נוסח...

און אַז איך האָב דערמאָנט פּאַראָדיעס וויל איך גאָר באַזונדער אויפֿמערקזאַם מאַכן, צום סוף, דעם קומענדיקן שרייבער פֿון דער פֿאָרגעשיכטע פֿון שלום עליכמס הומאָר אויף דעם „ספר הקונדס". דער „ספר הקונדס" איז ניט די איינציקע און ניט די ערשטע פּאַראָדיע אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור (זע איזראַעל דייווידסאָנס: Parody in Jewish Literature, 1907, New York.), אָבער די דאָזיקע הומאָרפֿולע פּאַראָדיע אויפֿן „שלחן ערוך" איז גאָר באַזונדערס געוואַגט און שטיפֿעריש. זי איז, אַ חוץ דעם, אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זי איז, אין אַ געוויסן זינען, שוין אַ פּראָדוקט פֿון דער השכלה צייט. זי איז צום ערשטען מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן (אַנאָנים) אין ווילנע, אין 1824. די ווילנער קהלס־לייט האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן די שקצעריי, האָבן זיי דעם ספֿרל פֿאַרברענט. בלויז איין עקזעמפּליאַר אָדער, ריכטיקער, אַ געשריבענע קאָפּיע פֿון אַ געדרוקטן עקזעמפּליאַר איז אָפּגעהיט געוואָרן אין דעם ארכיוו פֿון דעם ווילנער ביבליאָגראַף הלל שטיינשניידער, און לויט אָט דער קאָפּיע איז דער „ספר הקונדס" אין 1914 איבערגעדרוקט געוואָרן אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ"**). געשריבן איז דער „ספר הקונדס" אויפֿן רבנישן לשון מיט אַסך יידישע ווערטער אַריינגעמישט, און דאָס

---

* אַ פּאָר פֿון אָט די ווערק, ווי, צום ביישפּיל, „די הפקר וועלט", זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ערשט דאַן, ווען שלום עליכם איז שוין באַקאַנט געווען אין דער ליטעראַטור, אָבער אין האַנטשריפֿטלעכע קאָפּיעס זיינען זיי נאָך פֿריער פֿאַרשפּרייט געווען.

** לויט דייווידסאָן איז עס נאָך פֿריער איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער בוך.